בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# וכל מאמינים


א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת עקב תשפ"ג שנה ט | גליון מס' 495


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### הקב"ה איז 'מתפלל' מיר זאלן אויסוועלן די גוטע וועג

"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ" (י יב)

אין מסכת ברכות (ז א) דרש'ענען די חכמים: "מנין שהקדוש ברוך הוא מתפלל? שנאמר (ישעיה נו ז): 'וַהֲבִיאוֹתִים אֶל הַר קָדְשִׁי וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי'; 'תפלתם' - לא נאמר, אלא: 'תפלתי', מכאן שהקב"ה מתפלל". און וואס איז זיין תפילה: "יהי רצון מלפני שיכבשו רחמי את כעסי, ויגולו רחמי על מדותי, ואתנהג עם בני במדת רחמים, ואכנס להם לפנים משורת הדין".

די מפרשים וואונדערן זיך: תפילה איז דאך א געבעהט וואס מען וויל עס זאל ערפילט ווערן, און דאס איז פאסיג נאר פאר א מענטש וואס איז אנגעהאנגען אין די ווילן פונעם אויבערשטן, אבער נישט ביי הקב"ה וואס ער טוהט אלעס?

ערקלערט דער **'נודע ביהודה'**:

דער מענטש איז אנדערשט פון אנדערע באשעפענישן מיט דעם אז ער האט באקומען די מאכט צו אויסוועלן צווישן טוב און רע. ווייל דער אויבערשטער וויל אונזער גוט'ס, בעהט אונז מיר זאלן אויסוועלן די גוטע וועג, כדי ער זאל קענען זיך פירן מיט אונז מיט מידת הרחמים, און דאס איז זיין תפילה. די בקשה ווערט געשילדערט אין אונזער פסוק: "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל, מָה ה' אֱלֹקֶיךָ **שֹׁאֵל** מֵעִמָּךְ" - וואס בעהט ער פון אונז? "כִּי אִם לְיִרְאָה" - מיר זאלן אויסוועלן די גוטע וועג!

'צל"ח' ברכות ז א

### הקב"ה ווערט פארערכנט אלס א 'שואל' אין באציאונג צו די מצוות

"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ לָלֶכֶת בְּכָל דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה אֹתוֹ...; לִשְׁמֹר אֶת מִצְוֹת ה' וְאֶת חֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְטוֹב לָךְ" (י יב-יג)

פארוואס רעדנדיג פון אפהיטן מצוות כאפט אן דער פסוק דעם לשון: "שואל מעמך" און נישט 'דורש' אדער 'מְצַוֶּה'?

ענטפערט **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן**, בעל 'שואל ומשיב':

איינער וואס איז א 'שואל' פון זיין חבר דארף ער צוריק געבן דעם געבארגטן חפץ און קען עס נישט איבערלאזן ביי אים אין באניץ, אנדערשט פון איינער וואס בארגט געלט וואס ער קען זיך באניצן מיט די געלט וואס ער האט געבארגט און צוריק באצאלן מיט אנדערע געלט (ראה קידושין מז א).

ווען די תורה וויל אונז באטאנען אז די מצוות איז נאר פאר אונזער טובה, און דער אויבערשטער האט נישט קיין נוצן פון דעם, אזוי ווי עס שטייט (איוב לה ז) "אִם צָדַקְתָּ מַה תִּתֶּן לוֹ אוֹ מַה מִיָּדְךָ יִקָּח", שטייט דער לשון: "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ **שֹׁאֵל** מֵעִמָּךְ... לְטוֹב לָךְ", צו זאגן: דער אויבערשטער איז פארערכנט ווי א 'שואל' אין די באציאונג צו די מצוות, אזוי ווי דער 'שואל' געבט צוריק בשלימות פארן משאיל די זאך וואס ער האט פון אים באקומען, אזוי אויך הקב"ה לאזט נישט איבער ביי זיך עפעס פון אונזערע מצוות, און האט זיי באפוילן נאר: "לטוב לך" - כדי ער זאל אונז קענען צוריקגעבן בשלימות די גוטע השפעות וואס קומען אין זייער זכות.

'דברי שאול' מהדורה חמישאה

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### חיים של יראת שמים

איינס פון די 'שש מצוות תמידיות', זעקס שטענדיגע מצוות, איז די מצוה פון 'יראת השם' וואס אויף דעם זענען מיר באפוילן געווארן אין אונזער פרשה אין דער פסוק (דברים י כ): "את ה' אלקיך תירא". ווייל יראה איז א שטענדיגע מצוה דארף דער מענטש זיך פירן א גאנצן טאג מיט א שטימונג פון ציטערן פונעם גרויסן באשעפער, אזוי ווי דער לשון החינוך איז אין אונזער פרשה (מצוה תלב): "יראת ה' זאל שטענדיג זיין אויף אונזער פנים נישט צו זינדיגן, ד.מ. מיר זאלן מורא האבן פון א שטראף, און אונזערע הערצער זאלן נישט זיין אן קיין ציטער פון אים א גאנצן טאג".

אזא שטענדיג יראה זעהט אויס ווי זאך וואס איז שווער צו דערגרייכן, שטעלט זיך די פראגע: וואס איז דער וועג וואס דער מענטש זאל קענען ערפילן די פליכט?

אונזערע רבי'ס האבן פארברייטערט צו דיסקוטירן דעם ענין, און אסאך פעדער'ס זענען שוין אויסגענוצט געווארן דערוועגן. אין די ראם וויל איך פארשלאגן איינס פון די וועגן וואס זענען געזאגט געווארן אין דעם ענין, און למעשה איז עס קלאר געשריבן אין אונזער פרשה, עטליכע פסוקים פאר די פסוק וואס באפעלט אונז אויף יראת שמים.

דעם פסוק (שם י יב): "ועתה ישראל מה ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה", דרש'ענען די חכמים (מנחות מג ב, וברש"י שם) אויף די וועג פון 'אל תקרי' - אל תקרי 'מה' אלא 'מאה', ד.מ. "מאה [ברכות יעדן טאג] ה' אלקיך שואל מעמך". די ווערטער "כי אם ליראה" וואס זענען געשריבן נאכדעם לערנען אונז אז דער וואס איז מקפיד אויף די מצוה פון 'מאה ברכות' איז זוכה צו האבן יראת ה'.

דער פארבינדונג צווישן מאה ברכות און יראה קענען מיר אויך לערנען פון די בעלי התוספות [עה"ת] אין אונזער פרשה (שם) וואס האבן געברענגט א רמז אויף די מצוה פון מאה ברכות פון דער פסוק (תהילים קכח ד): "הנה כי כן יבֹרַךְ גבר **ירא ה'**"; "כי כן" איז גימטריה 100, דיך צו לערנען אז אז די צאל פון "כי-כן" ברכות וועט לויבן דער "גבר ירא ה'" יעדן טאג.

אויך די גאלדענע שפראך פונעם רמב"ם אין הלכות ברכות (א ד) לערנט אונז אז ברכות ברענגען דעם מענטש צו זיין א ירא ה', ווייל אזוי שרייבט ער: "קומט אויס אז אלע ברכות זענען דריי קאטעגאריע'ס: ברכות הנאה, און ברכות המצוות און ברכות הודאה וואס זיי זענען א וועג צו לויבן דאנקן און בעהטן, כדי געדענקען שטענדיג דעם אויבערשטן **און מורא האבן פון אים**".

עס זעהט אויס אז נישט נאר זאגן ברכות ווארצלט איין יראת שמים אין דעם מענטש, נאר אויך ענטפערן אמן, ווייל דער 'אמן' איז א באשטעטיגונג און א השלמה צו די ברכה, און א חלק פון די ברכה, און אויב א ברכה ברענגט יראת שמים, איז ענטפערן אמן ברענגט א שלימות'דיגע יראת שמים. און ווי עס שטייט קלאר אין די ווערטער פון רש"י (סנהדרין קיא א ד"ה מאי) אז אמן וואס מען ענטפערט אויף יעדע ברכה באדייט קבלת יראת שמים.

פון די אויבנדערמאנטע ווערטער האבן מיר געלערנט אז דער וועג צו מקיים די מצוה פון יראה אויף א שטענדיגער אופן איז דורך מקפיד זיין צו זאגן ברכות און ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין במשך דעם גאנצן טאג. לאמיר מקפיד זיין אויף דעם, עס זאל אונז גוט'ס זיין אלע טעג, אמן ואמן.

**מיט א רוף "כי אם ליראה"**

**א גוט שבת**

יעקב דוב מארמארשטיין

# די תפילין זענען אנגעקומען פונקט אין דער צייט

"קשר תפילין הראה לעניו, תמונת ה' לנגד עיניו...", זינגט זיך דאס ליד ביי פאמיליע גאלדשמיד. די התרגשות איז זייער גרויס. מוישי גייט שוין אנהייבן לייגן תפילין, אט ווערט ער בר מצוה. מיט צוויי יאר פריער זענען די תפילין באשטעלט געווארן ביי א 'בתים מאכער', די פרשיות זענען אויך באשטעלט געווארן בערך צוויי יאר צוריק ביי א סופר מומחה און ירא שמים. אלעס האט אויסגעזעהן גרייט אין בעפארברייטונג צו דעם געהויבענע מאמענט, וואס ענדליך גייט עס שוין אנקומען.

א חודש בעפאר דעם באשטימטן דאטום האט מוישי'ס פאטער זיך פארבינדן מיטן 'בתים מאכער' און דערמאנט דעם דאטום וואס דערנענטערט זיך. דער 'בתים מאכער' האט גוט געדענקט, ער האט פארזיכערט אז מען האלט שוין נאנט צום פארענדיגן. א וואך פריער האט דער טאטע נאכאמאל אנגערופן, יעצט זענען שוין די פרשיות אויך געווען גרייט, אויך די טייערע תפילין-בייטל איז שוין געווען אויפגענייט מיט די נאמען פונעם בר מצוה בחור, און נאר די 'בתים' זענען נאכנישט גרייט געווען.

"א אומגעראכטענע אפהאלט האט פאסירט, אבער איך קען אייך בארואיגן אז די בתים האלטן שוין ביים לעצטן ארבערטער", האט דער 'בתים מאכער' דערציילט, "וואס זעהט אז די פיר-קאנטיגקייט זאל זיין אויף די האר, ווי עס איז פאסיג פאר ספעציעלע מהודר'דיגע


א פאבריק פון תפילין

תפילין. דערנאך וואס ער ענדיגט זיין ארבעט, וועלן מיר קענען אריינלייגן די פרשיות אין די בתים, און נאכדעם שיקן נאכאמאל פארבן די בתים, אריינלייגן די רצועות, און אריינלייגן די בתים אין זייערע שיידעלעך...".

די צייט איז ענג, אבער עס איז נאך אלץ מעגליך געווען צו טראכטן אז אלעס וועט גרייט זיך צו די באשטימטע מינוט.

פרייטאג אינדערפרי, און ווידער א טעלעפאן רוף צום 'בתים מאכער'; דינסטאג דארף משה אנהייבן לייגן די הייליגע תפילין, עס איז נאר איבערגעבליבן צו פארענדיגן די לעצטע פרטים, אריינלייגן די פרשיות און פארמאכן די תפילין, אבער פון צווישן די ווערטער האט זיך דער 'בתים מאכער' דערוואוסט אז דער בחור'ל איז א 'איטר', דאס הייסט א 'גערינקטער'. א איטר לייגט די תפילין אויף די רעכטע האנט, אנדערש ווי רוב מענטשן וואס לייגן די תפילין אויף די לינקע האנט. הערנדיג די ווערטער, איז דער בתים מאכער געווארן אינגאנצן אין שאק; "דער קינד איז א גערינקטער??? ווי איז מעגליך אז איך האב נישט געוואוסט? געווענליך איז דאס די ערשטע פראגע וואס איך פרעג פון די וואס קומען באשטעלן תפילין ביי מיר, און ביי איז גארנישט אויפגעשריבן דערוועגן... איך האב צוגעגרייט 'גערעכטע' תפילין פארן קינד, איך וועל מוזן מאכן פאר אים נייע תפילין, און דאס נעמט א לאנגע צייט".

צי די שולד ליגט אויפן האלדז פונעם פאטער אדער אויפן האלדז פונעם 'בתים מאכער'... איז נישט קיין אונטערשייד. למעשה, דריי טעג פארן דארפן לייגן תפילין און עס איז נישטא קיין תפילין. אויב דאס איז נישט גענוג, ווי א 'מעשה שטן', מיט א צייט שפעטער האט די 'בתים מאכער' געמאלדן אז אויך די 'בית של ראש' איז אויך נישט נוצליך, בשעת'ן פארבן די בתים איז עס געשעדיגט געווארן און מען דארף עס צוגרייטן פון דאסניי.

דא איז דער ארט צו באטאנען אז עס רעדט זיך פון א 'בתים מאכער' זייער א מומחה, א ירא שמים און גאר א פארלעסליכער. אלע זיינע קונדן זענען צופרידן, און אויך די גאלדשמיד פאמיליע זענען געווען פון אים זייער צופרידן. די תפילין פונעם פריערדיגן זון איז אנגעקומען אין צייט און זענען געווען בתכלית היופי וההידור. דאס מאל איז געשעהן א אומגעראכטענע דורכפאל.

בקיצור, בדרך הטבע האט דאס קינד נישט קיין תפילין אין דעם קומענדיגן חודש. די איינציגע השתדלות וואס מען האט געקענט טוהן איז צו בארגן תפילין פון א גמ"ח, אבער מוישי פון זיין נאטור איז געווען א מפונק, און עס איז אים שווער געווען אננעמען דעם געדאנק אז אנשטאט נייע תפילין גייט ער אנטוהן געניצטע תפילין. טרערן זענען אים געשטאנען אין די אויגן.

קיינער האט נישט געזען ווי ער שטייט אין זייט, דאוונט מיטן גאנצן הארץ ער זאל האבן נייע תפילין אויף זיין בר מצוה, אבער עס האט אויסגעזען אז זיין געבעהט וועט נישט אויפטוהן... נייע תפילין?! תפילין פון א איטר לויט נוסח אשכנז, אפילו פון א גמ"ח איז שווער צו באקומען. די טעלעפאנען אהער און אהין האט נישט געברענגט קיין רעזולטאטן.

עס מוז ארויסגעברענגט ווערן די לויב פון דער 'בתים מאכער', ער האט אלעס פרובירט צו טוהן. ווייל ער האט זיך געפילט ממש אומבאקוועם האט ער 'איבערגעקערט דער וועלט' ביז ער האט געטראפן א גמ"ח וואס האט אין זיין באזיץ א תפילין פון א איטר, אבער ער האט זיך גערעדט פון אפגעריבענע תפילין וואס האבן פארלאנגט ערנסטע תיקונים און פארבן, און זיי זענען ווייט געווען פון אויסקוקן ווי ניי.

דער בחור'ל איז געווען טרויעריג, אבער קיין אנדערע ברירה איז נישט געווען.

פרייטאג מיטאג. דער בעל הגמ"ח האט זיך געאיילט אהיים גיין פון זיין ארבעט'ס-פלאץ, "קום אין די קומענדיגע האלבע שעה", זאגט ער פאר מוישי'ס טאטע, אבער כדי אנקומען אהין אין די קומענדיגע האלבע שעה דארף ער וויכטיג טרעפן א אויטא. די ערשטע שריט זיינע איז צו רופן צוויי פירמעס וועלכע פארדינגען אויטא'ס לויט די שעה'ן, ער איז פארבינדן מיט ביידע, אבער עס איז געווען גאנץ ערווארטעט צו הערן אז אין די צייט זענען אלע אויטא'ס געווען פארנומען.

אומבאקוועם רופט ער אן זיינ'ס א פריינד וואס וואוינט דערנעבן און פרעגט אים צי ער קען אים ערלויבן נוצן זיין אויטא אויף א קורצע וועג, אבער יענער איז געווען אינמיטן א רייזע אויסער די שטאט. ענדליך קלאפט ער אויף די טיר פון דעם שכן פון אונטן, ער פארמאגט אויך א קאר, און בעהט אים ער זאל אים ערלויבן נוצן זיין קאר, דער שכן איז מסכים מיט גרויס שמחה, און ביז ער דערלאנגט אים דעם שליסל, דערציילט אים מוישי'ס טאטע אויף דעם אומגעראכטענעם פראבלעם, די תפילין וואס ער האט באשטעלט און אין די לעצטע מינוט האט זיך ארויסגעשטעלט אז זיי זענען נישט גרייט.

אין דער מינוט איז דעם שכנ'ס פנים ערנסט געווארן; ער טראכט א מינוט, דערנאך נעמט ער צוריק די שליסלען און זאגט מיט א קווענקלדיגע שטימע: "איך קען האבן א וועג דיך צו העלפן...". און אינצווישן דערציילט דער שכן אן אומגלויבליכע מעשה: "פונקט די וואך האט מיין שווער מיך איבערראשט ווען ער האט געשאנקען פאר מיין זוהן תפילין במתנה. דער אינגל איז בלויז ארום ניין יאר אלט, אבער צוליב פארשידענע סיבות האט מיין שווער אים שוין געקויפט מהודר'דיגע תפילין. איך האב געפלאנט זיי צו שיקן אויף א פולשטענדיגע בדיקה, און פונקט אין די ריכטיגע מינוט ביזסטו געקומען. איר קענט זיי נוצן מיט גרויס פרייד".

"ווארט נאר", מוישי'ס טאטע ברעכט איבער די התלהבות; "מיין זוהן איז א איטר?". "גוט", איז געקומען דער איבערראשנדער ענטפער, "מיין קינד איז אויך א איטר...".

אזוי, אין א וואונדערליכע השגחה פרטית, באגלייט מיט א הארציגע תפילה אויף א ישועה, האט דער גליקליכער מוישי זוכה געווען לייגן נייע תפילין דעם דינסטאג, תפילין פון א איטר, נוסח אשכנז, אקעגן אלע אויסזוכטן, פונקט ווי ער האט געהאפט און געוואלט. ויהי לפלא.

געהערט פון די מויל פון דער בעל המעשה

פון די ווערטער פון אונזערע רבי'ס אויף ענטפערן אמן



הגאון רבי אברהם יצחק הכהן קוק שליט"א
ראש ישיבת מאור התלמוד

## גוי צדיק - שומר אמונים

איינער פון די חבורה קדושה, העומדים בבית ה' בלילות, פון די משכימי קום צו לערנען מיט מרן ראש הישיבה הגראי"ל שטיינמאן זצ"ל און האט אויך געדאווענט מיט אים 'ותיקין', האט אזוי דערציילט:

איינמאל נאכן ענדיגן לערנען, אין די געציילטע מינוטן וואס זענען געווען צווישן לערנען און דאווענען, האט דער ראש ישיבה מעורר געווען די בני החבורה און געזאגט: "געבט אכטונג נישט פארלירן מיליארדן!".

ער האט זיי נישט געדארפט ערוועקן אויף די חשיבות פון לערנען תורה און אויף די חשיבות פון תפילה, נאר איין איינציגע זאך: אין די מינוטן פון זיך גרייטן צום דאווענען זאגט מען די ברכות השחר, און ער האט געזעהן פאר וויכטיג זיי מעורר זיין אויף דעם אז ענטפערן אמן איז א ביזנעס פון "מיליארדן".

לאמיר אריינטראכטן אין דעם און זעהן די גרויסע מעלה פון דער וואס ענטפערט אמן.

אין גמרא (סנהדרין קי ב) שטייט: "פון ווען איז א קטן זוכה צו עולם הבא?... מיר האבן געלערנט אין נאמען פון רבי מאיר: משעה שיאמר אמן, שנאמר: 'פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמנים', אל תקרי שומר אמנים, אלא שאומר אמן".

פון דער לשון הגמרא: "משעה שיאמר אמן" זעהט אויס אז דורך ענטפערן אמן אפילו איינמאל, קען מען זוכה זיין צו א חלק לעולם הבא. גערעכט טאקע, עס איז נישט ערקלערט צי ער באקומט א גרויסער טייל אדער א קליינער, אבער אויך אויב ער באקומט נאר א קליינער טייל, איז עס א "ביזנעס פון מיליארדן", ווייל "יפה שעה אחת של קורת רוח בעולם הבא יותר מכל חיי העולם הזה" (אבות ד יז).

מער קלארע רייד טרעפן מיר אין מסכת שבת (קיט ב): "אמר ריש לקיש: כל העונה אמן בכל כחו - פותחים לו שערי גן עדן". דער מהרש"א (שם) איז מדייק פון דעם וואס די גמרא כאפט אן "פותחים לו שערי גן עדן" - מיט א לשון רבים, אז פאר דער וואס ענטפערט אמן עפענען זיך אלע אינעווייניגסטע טויערן אין גן עדן, און נישט נאר דער באזונדערער טויער וואס קומט אים; אויף אלע מצוות איז דער מענטש זוכה צו א וואוינונג אין גן עדן צוגעפאסט לויט זיינע מעשים, אזוי ווי די חכמים (שבת קנב א): "כל צדיק וצדיק נותנים לו מדור לפי כבודו", אבער דער וואס איז מקיים די מצוה פון ענטפערן אמן בכל כוחו, איז אנדערשט פון אלעמען מיט דעם וואס פאר אים עפענען זיך די טויערן פון אלע וואוינונגען אין גן עדן - אויך די וואס לויט זיין מדרגה איז ער נישט געווען בארעכטיגט.

פון דעם לערנען מיר, אז ענטפערן אמן פירט אריין דעם מענטש צו די גאר אינעווייניגסטע צימערן פונעם קעניג - "הביאני המלך חדריו" (שה"ש א ד) - און ווערט נישט אפגעבריהט פון די חופה פון די ארומיגע, ווייל זיין שטענדיגע פארזיכטיקייט אין ענטפערן אמן מיטן גאנצן טיפקייט פון זיין פארשטאנד און צולייגן קאפ און הארץ ווי עס איז פאסיג אויף דעם, געבן אים א שייכות צו די אינערליכע און העכסטע מדרגות!

•

און מען דארף זיך גוט מתבונן זיין אין דעם. אין גמרא סוף מסכת נזיר (סו ב) שטייט: "מיר האבן געלערנט אין א ברייתא, רבי יוסי זאגט: גדול העונה אמן יותר מן המברך. זאגט אים רבי נהוראי: איך קען דיר שווערן אז עס איז טאקע אזוי, מען זעהט דאך, אז די 'גוליירים' ד.מ. די שוואכערע סאלדאטן הייבן אן די מלחמה, און די העלדן זיגן".

זעהט מען אין גמרא אז זאגן די ברכה און ענטפערן אמן איז אזוי ווי ארויסגיין אויף א שלאכט וואו דארט זענען דא שטארקע זעלנער וואס זיי באזיגן דעם פיינט. דער מהרש"א (שם) ערקלערט אזוי: "ווייל א מענטש האט מקטרגים וואס ווילן אפהאלטן ער זאל נישט האבן ברייט פרנסה, און די ברכות זענען די מליצי יושר וואס נעמען זיך אן אקעגן די מקטרגים, וועגן דעם זענען די ברכות און ענטפערן אמן געגליכן צו די צוויי סארט זעלנער, ווייל די ברכות זענען ווי די איינפאכע זעלנער און די אמן'ס זענען די העלדן וואס געווינען די מלחמה קעגן די מקטרגים וואס זיי זענען די שלעכטע מלאכים".

און די גמרא ברענגט דארט שפעטער א ברייתא וואס פון דעם זעהט אויס אז דער מברך איז גרעסער פון דער עונה. זעהט מען פון דעם אז זיי קריגן זיך וואס לוינט מער, צי זאגן א ברכה און מוציא זיין אנדערע, אדער יוצא זיין דורך ענטפערן אמן אויף זיין ברכה (ולענין הלכה ראה שו"ע או"ח רא ד ו'מגן אברהם' שם ו).

און טראץ מיר טרעפן א מחלוקת התנאים ווער איז גרעסער, דער עונה אמן אדער דער מברך, פון דעסטוועגן טרעפן מיר נישט א מחלוקת אין די גמרא אז "העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן". לכאורה, דער וואס האלט אז א ברכה איז גרעסער פון די מעלה פון דער עונה אמן, פארוואס עפענען זיך די שערי גן עדן דווקא פאר דער וואס טוהט א גאנצע געשעפט פון ענטפערן אמן בכל כוחו?

קען זיין: עס זענען דא זאכן וואס זיי אליין ברענגען צו צו א חלק אין עולם הבא, און עס זענען דא זאכן וואס זענען אין די בחי' פון 'מפתחות' וואס דורך זיי דערגרייכט מען צו די גרויסע מעלות.

ביי דער ענין פון תורה און יראת שמים טרעפן מיר אין גמרא (שבת לא ב): "כל אדם שיש בו תורה ואין בו יראת שמים, דומה לגזבר שמסרו לו מפתחות הפנימיות ומפתחות החיצונות לא מסרו לו. בהי עייל?!" ד.מ. כאטש אז תורה איז "חיי עולם", אבער יראת שמים איז די שליסל צו דעם!

לויט דעם קען זיין, אז אויך ענטפערן אמן, אויסער איר אייגענע מעלה, לויט דער וואס האלט אז גדול העונה אמן יותר מן המברך, האט עס א באזונדערע מעלה אז זי עפנעט די שערי גן עדן.

און דער ענין פון דעם איז: רבינו יונה שרייבט אין 'שערי תשובה' (שער ג אות קמג): "אלע באשעפענישן זענען באשאפן געווארן לכבוד השם יתברך". דער מברך טוהט טאקע א מעשה פון כבוד ה', אבער דער כבוד קומט דורך אים, דאקעגן דער עונה אמן איז מסכים און וויל אז די כבוד זאל קומען אויך דורך אנדערע, און מיט דעם דערקענט זיך מער די כבוד פון דער מלך, אזוי ווי רבינו יונה שרייבט (שם אות קס), אז די וואס אין הארץ איז זיי שווער ווען אנדערע זענען מכבד דעם אויבערשטן - קענען רח"ל זיין צווישן די שונאי ה'!

און עס באקאנט אז ווען מען האט אמאל פארציילט פאר מרן המשגיח הגר"י לעווינשטיין זצוק"ל די געוואלדיגע ליבשאפט צו תורה פון א חשובער ראש ישיבה, וואס איז געווען באקאנט מיט זיין התרגשות ביז צו טרערן זעהנדיג די תלמידי הישיבה לערנען מיט א ברען און א חיות, האט ער געזאגט, ריכטיג טאקע דאס איז גרויסע מעלה, אבער דער אמת'ער פראבע איז צו זעהן ווי אזוי דער ראש ישיבה פילט און קוקט אויס ווען ער זעט אזא בילד אין א ישיבה וואס איז נישט זיין'ס. אויב אויך דארט ווערט ער איבערגענומען ביז צו טרערן, איז זיכער אז ער איז א אמת'ער אוהב תורה ולומדיה.

און דאס זענען די ווערטער פון רבינו יונה (שם אות יט): "זאלסט וויסן אז יעדער נברא נעמט זיך אונטער צו זיין א געטרייער און א קלוגער קנעכט אין די גאנצע ארבעט פון זיין האר, און דער געטרייער ארבעטער וועט טוהן זיין ארבעט גיך און זארגן אויף די ארבעט פון זיינע חברים, און זיינע אויגן קוקן אויף זיי צי זען אויב זיי טוהן באמונה, און וועט זיי ווארענען און זיי צו וויסן טוהן וואס זיי דארפן טוהן, ווייל עס איז זיין גלוסטעניש און ווילן אז זיין האר'ס ארבעט זאל געטוהן ווערן אן קיין פאפעריי, דעריבער וועט צוהאלטן די וואס טוהן די ארבעט".

דערפאר דער וואס ענטפערט אמן מיט זיין גאנצע כוונה און הארץ נאך די ברכה פון זיין חבר, איז דער ריכטיגער מכבד ה', וואס טוהט דעם רצון השי"ת ביים באשאפן: "כל הנברא לכבודי בראתיו יצרתיו אף עשיתיו", און עס עפענען זיך פאר אים די אינעווייניגסטע טויערן פון גן עדן, ווייל אלע זיינע מעשים זענען לכבוד דעם בורא יתברך.

# אוצרות אמונים

זאגן הויעך א ברכה

## בראשית – זאגן הויעך א ברכה

א רמז אויף די חיוב פון זאגן הויעך א ברכה, כדי מען זאל ענטפערן אמן, ברענגט דער חיד"א אין זיין ספר 'נחל קדומים' (פר' בראשית) אין די נאמען פון די גורי האר"י פון דעם וואס די ערשטעווארט אין תורה 'בראשית' איז ראשי תיבות: "בקול רם אברך שם יי תמיד".

אין ספר 'יגדיל תורה' (פרשת בראשית) ווערט געברענגט אז דער גער'ער רבי בעל 'בית ישראל' האט געזאגט: "די ערשטע זאך וואס מען דארף פאדערן פון די תלמידים איז צו זאגן א ברכה אויפן קול", און לייגט צו אז לויט דעם פארשטייט מען פארוואס דער חיוב איז מרומז אין די ווארט "בראשית".

## שכרו הרבה מאוד

דער 'פלא יועץ' (ערך מזכה) שרייבט אז דער וואס זאגט זיינע ברכות הויעך אויפן קול כדי מזכה זיין די צוהערהער מיט ענטפערן אמן איז ער אריינגערעכנט צווישן די מזכי הרבים, וואס אויף זיי זאגן די חכמים (אבות ה יח): "כל המזכה את הרבים - אין חטא בא על ידו". און ווייל די שכר פון דער מזכה איז לויט די חשיבות פון די מצוה וואס ער איז מזכה די ארומיגע, קומט אויס אז דער וואס איז מזכה רבים מיט די מצוה פון ענטפערן אמן וואס חז"ל זענען אזוי שטארק מחשיב, איז זיין שכר זייער גרויס.

## דער וואס זאגט א ברכה שטיל ווערט געשטראפט

פון די צווייטע זייט, רבי מנחם די לונזאנו בעל 'שתי ידות' שרייבט ('דרך חיים' דף ל ע"ב): אזוי ווי דער וואס הערט א ברכה און האלט זיך אפ פון ענטפערן אמן ווערט אויף דעם הארב באשטראפט (ראה זוהר וילך רפה ב), אזוי אויך דער וואס זאגט א ברכה שטיל און דורך דעם קען מען נישט ענטפערן אמן, איז פאסיג אז ער זאל אויך באשטראפט ווערן מיט אזא שטראף.

## פארהוילן די עדות

נאך שרייבט דער מוכיח רבי משה כהנא מגיביטש ('דרך משה' ליום יא): ווייל ענטפערן אמן איז א עדות אויף די אמת'דיגקייט פון די ברכה, ווען איינער זאגט א ברכה שטיל, זעהט אויס כאילו ער וויל פארהוילן די עדות. וועגן דעם "יעדער איד איז מחויב זאגן הויעך די ברכות כדי די שטוב מענטשן אדער די אנדערע וואס שטייען נעבן אים זאל הערן און קענען ענטפערן אמן".

# אגרות אמונים

א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד די מיטגלידער פון דער רעדאקציע פונעם חשובן גליון "וכל מאמינים" אין שפיץ פון דעם נשיא פון 'בני אמונים' הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א.

אין די גליונות פון די ימי בין המצרים האבן אייך פארמערט צו ברענגען מקורות פון חז"ל און פון די קדמונים, אז די "גאולה שלימה" איז אנגעהאנגען אין "ונאמר אמן", אויך א ספעצילע ארטיקל געווידמעט אויף דעם געשריבן דורך די נשיא פון בני אמונים, וואס ווי זיין שטייגער עפענט ער דעם גליון מיט א וואונדערליכער ארטיקל, און צילט צום פונקט.

דערפאר, גם אני הקטן, וויל איך צולייגן און צוברענגען מיין חלק אין דעם ענין.

די דריטע ברכה פון ברכת המזון איז געווידמעט אויף בקשות אויף די גאולה, און עס ענדיגט זיך מיט די בקשה: "ובנה ירושלים עיר הקודש...". דער וואס וועט אריינטראכטן וועט זעהן אז די ר"ת פון די בקשה [ו,י,ע,ה] איז גימטריה אמן. און אין דעם ליגט א רמז אויף די ווערטער פון די קדמונים אז מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן איז מקרב די אויפבוי פון ירושלים, נאך מער איז דא אין דעם א קלארער רמז אויף וואס עס שטייט אין 'דרך משה' (ליום יא) אז עס איז דא א באזונדערע חוב מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן נאך די ברכות פון גאולה, ווייל אויך די ברכה איז פון די ברכות הגאולה.

אזוי אויך, חודש 'אב' וואס אין דעם געפאלן אויס די טעג וואס מיר קלאגן מער אויף חורבן ירושלים, איז ר"ת 'אמן-ברכות', און אזוי אויך 'בני אמונים'... פונקט אזוי ווי פרשת 'בא' וואו עס ווערט דארט געשילדערט די ערשטע גאולה ווען מיר זענען אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, וואס איז אויך די זעלבע ר"ת.

און קוקט נאר א וואונדערליכער זאך - דער חודש ווערט גערופן 'מנחם אב' על שם די נחמה און אויף די נאמען פון משיח (ראה סנהדרין צח ב), און אז מען שרייבט עס ראשי תיבות פירט מען זיך שרייבן 'מנ"א', פונקט די אותיות פון אמן.

מיט א האפענונג צו זעהן נחמת ציון וירושלים
**משה שמואל כהן**
**עיה"ק ירושלם תובב"א**

---

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס: 9139191@gmail.com

# שערי גן עדן

אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



אַ קוק אויף דעם יִידישן בית הקברות און איסטנבול

## דער 'מעם לועז'

### י"ט אב תצ"ב

רבי יעקב כולי איז געבוירן געווארן אין ירושלים אין יאר תמ"ה, צו זיין פאטער רבי מכיר וואס איז געווען דער איידעם פונעם ראשון לציון רבי משה בן חביב. ווען ער איז עלטער געווארן איז ער אריבער קיין צפת, וואו ער האט געלערנט תורה פון די חכמי צפת, און אפילו צוגעגרייט צום דרוק די כתבים פון זיין זיידע זיין מאמע'ס פאטער, דער מהר"ם חביב.

אין יאר תע"ד איז ער געפארן קיין אינסטאנבול ['קושטא' אין יענע צייטן] כדי צו דרוקן זיין זיידן'ס כתבים, דארט האט ער זיך באגעגנט מיט רבי יהודה רוזאניס, דער 'משנה למלך' וועלכער האט פארשטאנען צו זיין גרויסקייט און אים אויפגענומען צו זיין א דיין אין זיין בית דין. אין קושטא האט ער געדרוקט זיין זיידן'ס כתבים, און נאך די פטירה פון רבי יהודה רוזאניס האט ער אויך צוגעגרייט זיינע כתבים און זיי געדרוקט.

איבער דער גרויסקייט פון רבי יעקב כולי, שרייבט דער חיד"א ('שם הגדולים' מערכת ספרים ע כט): "איך האב געהערט דערציילן פון די קדושה און חסידות פון רבי יעקב כולי און זיין פלייסיגקייט אין תורה... ער איז געווען א פלינקער שרייבער און א בקי בש"ס ופוסקים און מפרשים, אזוי ווי עס זעהט זיך אין ספר 'מעם לועז' וואס ער האט מחבר געווען מזכה זיין די רבים, אשריו ואשרי חלקו".

רבי יעקב כולי איז נפטר געווארן י"ט אב תצ"ב און איז באערדיגט געווארן אויפן בית-עולם אין איסטאנבול.

## הונדערטער זהובים יעדן אינדערפרי

ווען ער איז מעורר אויף די ספעצילע חשיבות פון א ברכה וואס ווערט געענטפערט מיט א אמן און אין גרויסן שכר, באציהט זיך דער 'מעם לועז' מיט א באזונדערע צוגאנג צו 'ברכות השחר' און איז מעורר אויף די חוב זיי צו זאגן אויפן קול כדי מען זאל ענטפערן אמן אויפן קול, און אזוי שרייבט ער (משפטים עמ' תשלא): "דאס וואס די חכמים זאגן (חולין פז א) אז די שכר פון א ברכה איז צעהן זהובים, איז נאר ווען ער זאגט די ברכה הויעך אויפן קול, און איז מזכה די רבים זאלן ענטפערן אמן, און דאס איז די כבוד פון השי"ת ווען מען לויבט אים אנטקעגן א ציבור, אזוי ווי עס שטייט (משלי יד כח): 'ברוב עם הדרת מלך'. און פון דא זאל זיך יעדער לערנען צו זאגן די ברכות פאר א ציבור הויעך אויפן קול, סיי ברכות הנהנין און סיי **ברכות השחר**, כדי דער קהל זאל ענטפערן אמן... אבער א ברכה וואס א מענטש זאגט שטיל האט ער נישט די שכר פון צעהן זהובים" (וראה ש"ך חו"מ שפב י)